# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:32
מוצאי שב"ק....................9:04

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................משלי י"א-י"ב
בבלי.........................יבמות נ"ד
ירושלמי..........בבא בתרא י"ח
תוספתא..........כלים מציעא ב'
רמב"ם...שאר אבות הטומאה י"א


פרשת אחרי, כ"ט ניסן, מברכים חודש אייר, אבות פרק א', שנת תשפ"ב לפ"ק — שנה 11, גליון 35 (550)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ מִבֵּית לַפָּרֹכֶת אֶל פְּנֵי הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עַל הָאָרֹן וְלֹא יָמוּת כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה עַל הַכַּפֹּרֶת.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קט"ו), אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אֵיין טָאג מַאכְט עֶר אָפּ אַז עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, קוּמְט דַאן דִי מִדַּת הַדִין אוּן זָאגְט אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט צוּלָאזְן, מֶען מוּז שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען אִים נִישְׁט לָאזְן אוֹיף אֵיינְמָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; אַז בִּיז יֶעצְט אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, קֶען מֶען נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט צוּרִיק נֶעמֶען מִיט אָפֶענֶע אָרֶעמֶעס, מֶען מוּז אִים אוּנְטֶערְשְׁטֶעלְן מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, עֶס זָאל אִים נִישְׁט אָנְקוּמֶען אַזוֹי גְרִינְג. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אָבֶּער אַ בַּעַל הָרַחֲמִים, עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, עֶר וִויל יָא אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, נִישְׁט אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטַארְבְּן; דֶערְפַאר בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִין דִי מְנִיעוֹת, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט טַאקֶע אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט שְׁטֶערוּנְגֶען פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי לַייכְט, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ דָארְט, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֶמֶת'דִיג, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין.

אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶועט עֶר גְלַייךְ אוֹיפְגֶעבְּן וֶוען עֶר זֶעט אַז זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעפְּלַאנְט, עֶר וֶועט וֶוערְן בְּרוֹגֶז, "הֲיִתָּכֵן אַז עֶס גֵייט מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער?! אִיךְ וִויל דָאךְ שׁוֹין יֶעצְט זַיין גוּט אוּן וואוּיל, פַארְוָואס פּוּנְקְט יֶעצְט קוּמְט מִיר אוּנְטֶער דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן? מִסְתָּמָא דַארְף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר מֶער נִישְׁט הָאבְּן, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר", אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן צוּרִיק גֵיין צוּ זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן. אֵיינֶער וָואס הָאט אָבֶּער דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל, וֶועט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר וֶועט וִויסְן אַז זַיין לִיבֶּער טַאטֶע אִין הִימְל וִויל אִים נָאר אוֹיסְפְּרוּבִּירְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין בַּאהַאלְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן מִיט דֶעם כֹּחַ וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין.

דָאס אִיז וָואס דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז בַּיים מַעֲמַד הַר סִינַי (שְׁמוֹת כ', י"ז) **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק** - דִי פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וֶוען זֵיי זֶעעֶן דִי מְנִיעוֹת, זֵיי זֶעעֶן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, בְּלַייבְּן זֵיי שְׁטֵיין פוּנְדֶערְוַוייטְנְס. אָבֶּער, **וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל** - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער צַדִיק, לֶערְנְט אוֹיס אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס פַארְנֶעפְּלְט דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר גֵיין וַוייטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקַייט. וַוייל, **אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים**, דָארְט אִין דִי גֶעדִיכְטֶע נֶעפְּל אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער פְּגַם פוּן נָדָב וַאֲבִיהוּא אִיז גֶעוֶוען (וַיִּקְרָא ט"ז, א') **"בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה'"**, זֵיי זֶענֶען אַרַיין צוּ דִי קְדוּשָׁה אָן קַיין צִמְצוּם אוּן אָן קַיין מְנִיעוֹת, אוּן אוֹיבּ גֵייט מֶען נִישְׁט דוּרְךְ דִי שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן מְנִיעוֹת, קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַרָאפְּפַאלְן, וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי שְׁטַארְבְּן, "וַיָּמֻתוּ", דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁטָארְבְּן.

דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנְגֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גְלַייךְ נָאכְדֶעם, **וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ**, מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי גְרִינְג צוּקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה, עֶס אִיז שְׁוֶוער, עֶס אִיז דָא אוֹיפְן וֶועג אַסַאךְ שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען, דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן וַוייל אַזוֹי קוּמְט עֶס, **כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה עַל הַכַּפֹּרֶת**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען מֶען טְרֶעפְן אִין דִי וָואלְקְן, אִין דִי נֶעפְּל. עֶס זֶעט טַאקֶע אוֹיס שְׁוֶוער פוּן אָנְהוֹיבּ, אָבֶּער אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט סוֹף כָּל סוֹף זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.
(זֹאת הַתּוֹרָה אַחֲרֵי ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מְ'צֵיילְט סְפִירָה

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם אוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען דֶעמָאלְט פַארְזִינְקֶען אִין דִי נַיין אוּן פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם. אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעצֵיילְט סְפִירָה זִיבְּן וָואכְן אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק אוּן וֶועג-וַוייזֶער פַאר יֶעדְן אִיד, וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, יֶעדֶער אִיד וִויל בֶּאֱמֶת זַיין וואוּיל אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן עֶר צוּבְּרֶעכְט אִים "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דוּ וֶועסְט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין". אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרוּבִּירְט דֶער יֵצֶר הָרַע נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז עֶר אִיז לַיידֶער מַצְלִיחַ אַסַאךְ מָאל צוּ מְיַיאֵשׁ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר קֶען מֶען נֶעמֶען אַ גְרוֹיסֶע חִיזוּק פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין דִי סְפִירָה טֶעג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר וִויל שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, עֶר מַאכְט אָפּ: "דָאס אִיז עֶס, פוּן יֶעצְט
<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן הַשִּׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ) וֶוען עֶס וֶוערְט טָאג הֶערְט מֶען אַזַא גֶעלֶעכְטֶער, דֶער נַאכְט פַארְלִירְט זַיין נָאמֶען, מֶען גֶעדֶענְקְט מֶער נִישְׁט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל נַאכְט; דָאס גֵייט אַרוֹיף בִּכְלָלִיוּת אוֹיף דִי גְאוּלָה הָעֲתִידָה, עֶס וֶועט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי גָלוּת טֶעג וָואס אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ נַאכְט, אוּן אוֹיךְ בִּפְרָטִיּוּת בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

וֶוען עֶס אִיז נַאכְט, מֶען וַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, נָאכְדֶעם וֶוען עֶס וֶוערְט טָאג, מֶען הָאט חֲתוּנָה – גֶעדֶענְקְט מֶען נִישְׁט אַז מֶען הָאט אַמָאל גֶעוַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ. נָאכְדֶעם וֶוען מֶען וַוארְט אוֹיף קִינְדֶער, עֶס אִיז מַמָּשׁ נַאכְט; מֶען וֵויינְט, מֶען וַוארְט, מֶען מֵיינְט שׁוֹין אַז מֶען וַוארְט שׁוֹין, דֶערְוַוייל וֶוערְט מֶען אַנְטוֹישְׁט, חוֹדֶשׁ נָאךְ חוֹדֶשׁ, עֶס אִיז מַמָּשׁ נַאכְט; פְּלוּצְלוּנְג וֶוערְט טָאג, אוּן מֶען פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז בִּכְלַל גֶעוֶוען נַאכְט.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זָארְגְט נִישְׁט, אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער. אֵיין זַאךְ זָאלְט אִיר טוּן, אֵיין קַבָּלָה טוֹבָה, נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג. רֶעכְנְט אוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן גוּטֶע זַאכְן פוּן אֵייעֶר לֶעבְּן אוּן דַאנְקְט אִים; דָאס עֶפְנְט אוֹיף דִי טִירְן אִין הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי-א' תשפ"ב)




דער מולד וועט זיין: זונטאג פארטאגס 20 מינוט און 1 חלק נאך 5 | ראש חודש אייר יהיה ביום הראשון ולמחרתו ביום השני

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# פַּארְוָואס פּוּנְקְט פַּאר מִיר גֵייט אַזוֹי שְׁוֶוער?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן מִיט דִיר גְרוֹיסֶע נִיסִים, הָעִיקָּר מַה שֶׁקּוֹרִין זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, צָרוֹת וְיִסוּרִים - דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לב, ג) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים יא, ה): **"ה' צַדִּיק יִבְחָן', הַיּוֹצֵר הַזֶּה אֵינוֹ בּוֹדֵק קַנְקַנִּים מְרוֹעָעִים"**, וֶוען דֶער טֶעפֶּער וִויל בּוֹדֵק זַיין דִי כֵּלִים אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען גֶענוּג שְׁטַארְק - וֶועט עֶר נִישְׁט נֶעמֶען אַ שְׁוַואכֶע כֵּלִי אוּן קְלַאפְּן דֶערוֹיף וַוייל עֶס וֶועט זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן, **"וּמִי הוּא בּוֹדֵק, בְּקַנְקַנִּים יָפִים"**, עֶר נֶעמְט דִי גוּטֶע שְׁטַארְקֶע כֵּלִים, **"אֲפִלּוּ מַקִּישׁ עֲלֵיהֶם כַּמָּה פְּעָמִים אֵינָם נִשְׁבָּרִים"**, אֲפִילוּ עֶר הַאקְט אוֹיף זֵיי שְׁטַארְקֶע קְלֶעפּ - צֶעבְּרֶעכְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט, **"כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶת הָרְשָׁעִים אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים"**, אַזוֹי אוֹיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט נִישְׁט דִי רְשָׁעִים - נָאר דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "ה' צַדִּיק יִבְחָן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס צַדִּיקִים.

נָאךְ זָאגְן זֵיי: **"הַפִּשְׁתָּנִי הַזֶּה בְּשָׁעָה שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁהַפִּשְׁתָּן שֶׁלּוֹ יָפָה כָּל שֶׁהוּא כּוֹתְשָׁהּ הִיא מִשְׁתַּבַּחַת"**, וֶוען מֶען הָאט גוּטֶע פְלַאקְס - דֶעמָאלְט קֶען מֶען דָאס גוּט אוֹיסְקְלַאפְּן, עֶס וֶוערְט בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, **"וְכָל זְמַן שֶׁהוּא מַקִּישׁ עָלֶיהָ הִיא מִשְׁתַּמֶּנֶת"**, וִוי מֶער מֶען קְלַאפְּט דֶערוֹיף וֶוערְט עֶס פֶעטֶער, **"וּבְשָׁעָה שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁהַפִּשְׁתָּן שֶׁלּוֹ רָעָה, אֵינוֹ מַסְפִּיק לָקוּשׁ עָלֶיהָ אַחַת עַד שֶׁהִיא פּוֹקַעַת"**, אוּן וֶוען דִי פְלַאקְס אִיז אַ שְׁוַואכֶע - דֶעמָאלְט קְלַאפְּט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם, וַוייל עֶס וֶועט צוּגְרוּנְד גֵיין, **"כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶת הָרְשָׁעִים אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים"**, אַזוֹי אוֹיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט נִישְׁט דִי רְשָׁעִים - נָאר דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "ה' צַדִּיק יִבְחָן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס צַדִּיקִים.

נָאךְ זָאגְן זֵיי: **"מָשָׁל לְבַעַל הַבַּיִת שֶׁהָיָה לוֹ שְׁתֵּי פָרוֹת"**, עֶס אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אֵיינֶער וָואס הָאט צְוֵויי קִיעֶן, **"אַחַת כֹּחָהּ יָפֶה וְאַחַת כֹּחָהּ רַע"**, אֵיין קוּ אִיז אַ שְׁטַארְקֶע אוּן אֵיינֶע אִיז אַ שְׁוַואכֶע, **"עַל מִי הוּא נוֹתֵן אֶת הָעֹל"**, אוֹיף וֶועלְכֶע קוּ לֵייגְט עֶר אַרוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע לַאסְט? **"לֹא עַל זֹאת שֶׁכֹּחָהּ יָפֶה"**, אוֹיף דִי קוּ וָואס אִיז שְׁטַארְק, **"כָּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶת הַצַּדִּיקִים, שֶׁנֶּאֱמַר, ה' צַדִּיק יִבְחָן"**, אַזוֹי טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר פְּרוּבִּירְט אוֹיס נָאר דִי צַדִּיקִים, עֶר וֵוייסְט אַז זֵיי הָאבְּן כּוֹחוֹת, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט צַאמְפַּאלְן, זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן בַּיי דִי אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, וֶועסְט נָאךְ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְצוֹרָע תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". קוּמְט מֶען נָאכְנִישְׁט גְלַייךְ אָן דֶערְצוּ, עֶס דַארְף קוֹדֶם אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים דִי סְפִירָה טֶעג, אֵיין טָאג "חֶסֶד שֶׁבִּגְבוּרָה", אֵיין טָאג "גְבוּרָה שֶׁבִּגְבוּרָה", דָאס מֵיינְט אַז יֶעדְן טָאג דְרֵייעֶן זִיךְ אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַלֶע מִינֵי מַצָּבִים אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן בְּרוּחֲנִיּוֹת וּבְגַשְׁמִיּוֹת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ. צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן וִויפִיל תּוֹרָה וּמִצְוֹת עֶר קֶען, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אָנְקוּמֶען צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(קוּנְטְרֵס סְפִירַת הָעוֹמֶר)

## אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז פַאר מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דַארְף מֶען קוֹדֶם צֵיילְן דִי טֶעג, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אַ וִויכְטִיגֶער טָאג, יֶעדְן טָאג קֶען מֶען גוּט אוֹיסְנִיצְן מִיט גוּטֶע זַאכְן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים ד) "מִקְצַת הַיּוֹם כְּכֻלּוֹ", אַ חֵלֶק פוּנֶעם טָאג אִיז אַזוֹי וִוי אַ גַאנְצֶע טָאג, מְמֵילָא אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען רוֹב טָאג, אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ קוּק אָן וִוי אַזוֹי דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דֶעם טָאג אוּן טְרַאכְטְן "דִי הַיינְטִיגֶע טָאג אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען, מָארְגְן וֶועל אִיךְ דַאוֶוענֶען", וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן נָאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט פוּנֶעם טָאג, קֶען מֶען נָאךְ פַארֶערְכְטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אוֹיבּ וֶועט מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי עֶטְלִיכֶע מִינוּט וָואס עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, צוּ טוּהן עֶפֶּעס מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וֶועט מֶען מִיט דֶעם אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם גַאנְצְן טָאג.

דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אוּן וֶוען מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט אוֹיסְצוּנִיצְן יֶעדְן טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט מֶען קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

(קוּנְטְרֵס יְמֵי הַסְּפִירָה)

## יֶעדֶער צֵיילְט פַאר זִיךְ אַלֵיין

חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק וּסְפַרְתֶּם לָכֶם - לְעַצְמְכֶם. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף צֵיילְן סְפִירָה פַאר זִיךְ אַלֵיין. דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז דִי אַלֶע הִתְחַזְּקוּת וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, דָאס אַלֶעס דַארְף מֶען טוּהן פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיז דָא אַ פַארְקֶערְטֶע יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זֶעהְן וִוי אַזוֹי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקַייט אוּן בְּרֶען, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען חֲלִישַׁת הַדַּעַת פוּן דֶעם, "יֶענֶער אִיז אַזוֹי וואוֹיל אוּן גוּט, אוּן אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט בַּאוַוייזְן". אוֹיבְן אוֹיף זֶעהְט דָאס אוֹיס וִוי עֲנָוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ קְלֵיין אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט. אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גַאֲוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אַז אִים פַּאסְט נִישְׁט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁטַאפְּל וואוּ עֶר הַאלְט, עֶר וֶועט נָאר זַיין צוּפְרִידְן אוֹיבּ עֶר קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ שְׁטַאפְּל פּוּנְקְט וִוי זַיין חַבֵר. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע מַצָּב, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶעהְן וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיין שְׁטַאפְּל אוּן לוֹיט זַיינֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן אוּן אוּמְשְׁטֶענְדְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סָארְט נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, אוּן מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סֵיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז עֶרְגֶער אוּן סֵיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער.

דֶערְפַאר טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן עֶפֶּעס אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם" אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן אוּן נָאר קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס מֶען זֶעהְט אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְן תָּם, אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער אוּן עֶר פְלֶעגְט מַאכְן שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי שִׁיךְ וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אוֹיסְלוֹיבְּן זַיינֶע שִׁיךְ אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע שִׁיךְ. וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַז אוֹיבּ עֶר מַאכְט יָא אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע שִׁיךְ, דַאן פַארְוָואס קֶען עֶר נִישְׁט בֶּעטְן דֶערְפַאר דִי זֶעלְבֶּע סַאךְ גֶעלְט וָואס דִי אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס בֶּעטְן פַאר זֵייעֶרֶע שִׁיךְ? הָאט דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. אוּן פַארְוָואס דַארְף אִיךְ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? לָאמִיר אַלֵיין מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל הָאט מִיר גֶעקָאסְט צוּ מַאכְן דִי שִׁיךְ, אוּן וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין אוֹיף דֶעם, אוּן מִיט דֶעם פְרֵיי אִיךְ זִיךְ, אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וִויפִיל אַ צְוֵוייטֶער מַאכְט אוֹיף זַיינֶע שִׁיךְ".

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אוּן אוֹיבּ דֶער דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אִיז עֶס וִוי אַ שׁוּכֶעלֶע מִיט דְרֵיי עֶקְן". דָאס מֵיינְט אַז מִיר דַארְפְן פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶועגְן פוּן דֶעם תָּם, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּתְפִלָּה זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען זִיךְ אָבֶּער פְרֵייעֶן דֶערְמִיט. אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן וָואס קֶען בֶּעסֶער, זָאל מֶען קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען פַארְדִינְט אַלֵיין פוּן דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן דַאן וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת ה', וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, פֶּסַח, ה"ט אוֹת כ"ב)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קלז)

תקא

פַאר שָׁבוּעוֹת, אִיז הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְחְמֶעלְנִיק זי"ע אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַ בַּאזוּךְ, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס מְחוּתָּן (זֶע פְרִיעֶר אִין סִימָן שכ"ג), אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן צוּגְרֵייטְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה פַאר אִים, אוּן דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה. דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן, "אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען, אוּן אִיר זָאלְט דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער".

אֵיינֶער אִיז גֶעלִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן אַרוּם אִים אִיז גֶעזֶעסְן אַ רִינְג, אַרוּם דֶעם רִינְג אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ רִינְג, אוּן אַרוּם יֶענֶעם רִינְג אִיז גֶעזֶעסְן נָאךְ אַ רִינְג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַסַאךְ רִינְגֶען. אוּן אַרוּם דִי אַלֶע רִינְגֶען זֶענֶען גֶעזֶעסְן נָאךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אָן קַיין סֵדֶר.

דֶער וָואס אִיז גֶעזֶעסְן אִינְמִיטְן [עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אָנְגֶעלַיינְט אוֹיף דִי זַייט], הָאט עֶפֶּעס גֶעמַאכְט מִיט דִי לִיפְּן, אוּן אַלֶע אַרוּם אִים הָאבְּן אוֹיךְ נָאכְגֶעמַאכְט דִי זֶעלְבֶּע מִיט דִי לִיפְּן.

דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דֶער מִיטְלְסְטֶער אִיז מֶער נִישְׁטָא, אוּן דִי אַלֶע אַרוּמִיגֶע הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן מִיט דִי לִיפְּן. הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט וָואס דָאס מֵיינְט, הָאט מֶען מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז קַאלְט גֶעוָוארְן אוּן אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן, הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי אַלֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן לוֹיפְן, אִיךְ בִּין זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן אוּן גֶעזֶען צְוֵויי פַּאלַאצְן, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע גֶעבֵּיידֶעס, אוּן דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי מִינִיסְטָארְן. דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעלָאפְן צוּ דִי מִינִיסְטָארְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנֶה'עְן מִיט זֵיי, "פַארְוָואס הָאט אִיר אוּנְז פַארְנַארְט?", אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט הַרְגֶ'עֶנֶען דִי מִינִיסְטָארְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי מִינִיסְטָארְן, אוּן זֵיי זֶענֶען מִיר זֵייעֶר גֶעפָאלְן, אוּן אִיךְ בִּין זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן אוּן גֶעזֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס אַ שֵׁיינֶע גֶעצֶעלְט, אוּן פוּן דָארְט הָאט מֶען גֶעשְׁרִיגְן צוּ דִי מִינִיסְטָארְן, "גֵייט צוּרִיק! בֶּעטְס אַלֶע אַייעֶרֶע זְכוּתִים וָואס אִיר הָאט, נֶעמְט דָאס אִין דִי הֶענְט אוּן גֵייט צוּם לִיכְט וָואס הֶענְגְט דָארְט, אוּן דָארְט וֶועט אִיר פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט!"

זֵיי זֶענֶען טַאקֶע צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אוּן בַּאקוּמֶען זֵייעֶרֶע זְכוּתִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט בִּינְטְלֶעךְ מִיט זְכוּתִים, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעלָאפְן צוּ דִי לִיכְט. אִיךְ בִּין זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן אוּן גֶעזֶען וִוי אַ לִיכְט בְּרֶענְט אִין דִי לוּפְט. דִי מִינִיסְטָארְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דִי זְכוּתִים אִינֶעם לִיכְט, עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּנֶעם לִיכְט פוּנְקֶען אַרַיין אִין זֵייעֶר מוֹיל, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דִי לִיכְט זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט.

פוּנֶעם לִיכְט אִיז גֶעוָוארְן אַ טַייךְ, אַלֶע הָאבְּן גֶעטְרִינְקֶען פוּנֶעם טַייךְ, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן אִין זֵייעֶר בּוֹיךְ, אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן זֶענֶען

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס, וְוי אַזוֹי קֶען מֶען אִים בֶּעטְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ. אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ וִוי אִין חֵדֶר הָאבְּן מַיינֶע מְלַמְּדִים גֶערֶעדְט וִוי אַלֶעס אִיז בַּאשֶׁערְט אוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט. בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט אָנְגֶעהוֹיבְּן פָאלְגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער אַ גַאנְצֶע צַייט טְרַאכְט אִיךְ אַז אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן טוּט אַלֶעס וָואס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר דַאן וָואס טוּ אִיךְ דָא? צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיבּ אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל שְׁנֶעל אָנְקוּמֶען אַהֵיים, טְרַאכְט אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ שׁוֹין פּוּנְקְטְלִיךְ אוֹיסְגֶעפְּלַאנְט וֶוען אִיךְ וֶועל אָנְקוּמֶען אַהֵיים, פַארְוָואס בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל טוּן אַנְדֶערְשׁ וִוי דָאס וָואס אִיז דִי בֶּעסְטֶע פַאר מִיר? אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּמִישְׁט אִין דֶעם.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה.

*יְיַשֵׁר כֹּחַ*

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַזוֹי וִוי דוּ זָאגְסְט, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פּוּנְקְטְלִיךְ וֶוען עֶס זָאל זַיין, וָואס עֶס זָאל זַיין, אוּן וִוי אַזוֹי עֶס זָאל זַיין; נִישְׁטָא קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דִי וֶועלְט וָואס גֶעשֶׁעט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; דוּ טְרַאכְסְט זֵייעֶר גוּט, אַזוֹי דַארְף מֶען טְרַאכְטְן.

מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס - עֶר זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן דַאוֶוענֶען צוּ אִים אוּן בֶּעטְן פוּן אִים עֶס זָאל זַיין גוּט פַאר אוּנְז. מִיר הָאבְּן אַ מִצְוָה פוּן דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן. דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען דִי נוּסַח הַתְּפִילָּה אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ בֶּעטְן אוֹיף רְפוּאָה, אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר זָאלְן בֶּעטְן פוּן אִים, אוּן אַז מֶען בֶּעט אִים דְרֵיידְט עֶר אַלֶעס אוֹיס אוּן בְּרֶענְגְט אוּנְז יְשׁוּעוֹת.

**וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶעבְּט**
**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי-ב' תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< נייעס

תפלה און יראת שמים על דרך ישראל סבא, מיט די אלע הייליגע עצות פון הייליגן רבי'ן, אויפ'ן וועג ווי אזוי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, דער דער ראש ישיבה שליט"א איז ווייטער ממשיך.

הכרת פניהם ענתה בם. ווי עס זאגן עדות אלע עלטערן, זעט מען אויף די תלמידים ותלמידות א געוואלדיגע חן, אן איידלקייט, אן ערליכקייט און א תמימות וואס מען טרעפט נישט געווענליך. דאס קומט נאר פון די הייליגע תורה וואס די קינדער לערנען פלייסיג וואס די תורה איז אילת אהבים ויעלת חן, און פון דעם וואס די קינדער רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, וואס דאס הייליגט און איידלט אויס דער מענטש.

די קינדער'ס ליפן שאקלען זיך כסדר און רעדן און שמועסן שטענדיג מיט'ן אייבערשטן, אלץ האבן זיי צו פארציילן ניסים ונפלאות וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט זיי, זיי דערציילן "מעשיות פון תפלה", ווי דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן און האט צוגעהערט צו די תפילות וואס זיי האבן געבעטן.

מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט אז ווען די אמונה ווערט איינגעבאקן אין די יונגע הערצערלעך, דאן וועלן זיי שוין לעבן מיט'ן אייבערשטן זייער גאנץ לעבן, די ריינע אמונה וועט מיטוואקסן מיט זיי אלע יארן, זיי וועלן שוין קיינמאל נישט אוועקגיין פונעם אייבערשטן. אין יעדן מצב וואס זיי וועלן נאר זיין, וועלן זיי וויסן אז זיי האבן זיך צו וועם צו ווענדן, דער אייבערשטער איז מיט זיי שטענדיג, און ער וועט זיי קיינמאל נישט פארלאזן.

עס איז מערקווירדיג איבערצוגיין וואס מוהרא"ש האט דערציילט פאר'ן ראש ישיבה מיט צוועלף יאר צוריק ווען ער איז געזעסן ביי מוהרא"ש יענעם חול המועד פסח און איז איבערגעגאנגען אלע פרטים איבער די נייע תלמוד תורה, האט מוהרא"ש דאן דערציילט וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין וויליאמסבורג ווען מען האט געגרינדעט דער ערשטער ברסלב'ער בית המדרש אין וויליאמסבורג מיט איבער פופציג יאר פריער.

אין יענע יארן איז ברסלב געווען א מושג פון וואס זייער ווייניג האבן בכלל געהערט דערפון, אין אינעם ברסלב'ער בית המדרש האט מען זיך דאן זייער געמוטשעט מיט מנין. ביי איין געלעגענהייט האט זיך דער גבאי פון בית המדרש אויסגערעדט פאר מוהרא"ש - וואס איז נאך געווען דאן א פרישער יונגערמאן - ווי שטארק ער מוטשעט זיך צוזאמצושטעלן דער מנין יעדן שבת. האט מוהרא"ש זיך צושמייכלט און זיך אנגערופן, "זארגט נישט, דא אין וויליאמסבורג וועט נאך זיין א ברסלב'ע תלמוד תורה!", און ווען עס איז דעמאלט אריבערגעפארן דארט באסעס פון פארשידענע חדרים, האט מוהרא"ש זיך אנגערופן צו אים, "דו זעסט די באסעס? אזוי וועלן ארום פארן באסעס וואס וועט שטיין געשריבן אויף זיי "תלמוד תורה ברסלב וויליאמסבורג".

פאר'ן גבאי' וואס האט דאס געהערט האט דאס אויסגעזען ווי א גרויסער גוזמא, האט ער זיך אנגערופן צו מוהרא"ש, "איר חלומ'ט בהקיץ!", "יעצט" - האט מוהרא"ש אויסגעפירט פאר'ן ראש ישיבה - "זעט מען ברוך השם אז דער חלום איז מקוים געווארן"!

שטייענדיג צוועלף יאר שפעטער, זעט מען די ערליכע פירות וואס זענען ארויסגעקומען פונעם חדר, טייל פון די ערשטע קינדער אין חדר זענען שוין היינט מלמדים מומחים אין די מוסדות, אלע זענען אויפגעוואקסן לשם ולתפארת מיט א ברען צום הייליגן באשעפער.

**והודעתם לבניך ולבני בניך!**

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

דִּי בַּאשֶׁעפֶּענִישְׁן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזֶען לוֹיפְן אוּן קוּמֶען, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מֶענְטְשְׁן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין מִין חַיָּה, נָאר בַּאשֶׁעפֶּענִישְׁן.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ אוּמְצוּקֶערְן צוּ זֵייעֶר פְּלַאץ, זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט, "וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר צוּרִיק אַהֵיימְגֵיין?", הָאט זִיךְ אֵיינֶער אָנְגֶערוּפְן, "מִיר וֶועלְן שִׁיקְן צוּ דֶעם וָואס שְׁטֵייט דָארְט אוּן הַאלְט אַ שְׁוֶוערְד פוּן דִי הִימְל בִּיז דֶער עֶרְד!", הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט, "וֶועמֶען וֶועלְן מִיר שִׁיקְן?", אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן צוּ שִׁיקְן דִי בַּאשֶׁעפֶּענִישְׁן.

דִי בַּאשֶׁעפֶּענִישְׁן זֶענֶען אַהִינְגֶעגַאנְגֶען, אִיךְ בִּין זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן אוּן גֶעזֶען יֶענֶעם, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶר שְׁטֵייט פוּן דִי הִימְל בִּיז דֶער עֶרְד, מִיט אַ שְׁוֶוערְד אִין דִי הַאנְט פוּן דִי הִימְל בִּיז דֶער עֶרְד, אוּן דִי שְׁוֶוערְד הָאט אַסַאךְ שַׁארְפְן. דָאס הֵייסְט, אֵיין שַׁארְף הַרְגְ'ט, אַ צְוֵייטֶע שַׁארְף מַאכְט אָרֶעם, אַן אַנְדֶערֶע שַׁארְף בְּרֶענְגְט שְׁוַואכְקֵייט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער נָאךְ אַסַאךְ שַׁארְפְן פַאר אַסַאךְ סָארְט עוֹנְשִׁים אוּן שְׁטְרָאפְן.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן, "שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט וָואס מִיר הָאבְּן יִסוּרִים פוּן דִיר, יֶעצְט הֶעלְף אוּנְז אוּן בְּרֶענְג אוּנְז צוּרִיק צוּ אוּנְזֶער פְּלַאץ!", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "אִיךְ קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן!", הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן, "גֶעבּ אוּנְז דִי שַׁארְף פוּן טוֹיט, אוּן מִיר וֶועלְן זֵיי הַרְגְ'עֶנֶען!" אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט. זֵיי הָאבְּן ווִידֶער גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען זֵיי גֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע שַׁארְף, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן קַיין שׁוּם שַׁארְף, אוּן זֵיי זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ בַּאפֶעל צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דִי מִינִיסְטָארְן, אוּן מֶען הָאט זֵיי אַרָאפְּגֶענוּמֶען דֶעם קָאפּ. אוּן גְלַייךְ הָאט זִיךְ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן, אֵיינֶער לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אִינְמִיטְן מִיט רִינְגֶען אַרוּם אִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, מֶען לוֹיפְט ווִידֶער צוּ דִי מִינִיסְטָארְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶעס אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר, אָבֶּער בַּיים צְוֵייטְן מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דִי מִינִיסְטָארְן הָאבְּן נִישְׁט אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דִי זְכוּתִים אִינֶעם לִיכְט.

**וָואס יָא? לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# געהויבענע יום טוב פסח מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

דעם יום טוב פסח האבן די איינוואוינער פון קרית ברסלב ליבערטי געהאט די זכיה זיך צו געפונען במחיצת פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט געוויילט אין שטעטל א גאנץ יום טוב.

ווי די חשובע איינוואוינער פון שטעטל געבן איבער, איז עס געווען גאר א הערליכער און דערהויבענער יום טוב פסח, מען האט זיך מחי' געווען און הנאה געהאט יעדע מינוט, און עס וועט בלייבן איינגעקריצט אין דיביינער פאר א לאנגע צייט.

דער ראש ישיבה שליט"א איז שוין ארויסגעפארן עטליכע טעג פאר יום טוב, צו קענען צוגרייטן דעם יום טוב ווי עס דארף צו זיין, און במשך די פאר טעג האט דער ראש ישיבה שליט"א אסאך עוסק געווען אין אלע קהל'ישע ענינים וואס פעלט אויס פאר'ן שטעטל.

ערב פסח אינדערפרי, נאכ'ן פארברענען דעם חמץ, איז פארגעקומען די מעמד זיכוי הפת פאר'ן עירוב אין שטעטל ביים ראש ישיבה אינדערהיים, מיט די באטייליגונג פון די חשובע בודקים פונעם עירוב, וואס זענען זיך מוסר נפש א גאנץ יאר בודק צו זיין דעם עירוב, און גייען ארום יעדן ערב שבת זיכער צו מאכן אז דער עירוב איז כשר, דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן פאר אלע בודקים א מצה פונעם פאריערוב, אלס אות זכרון פאר זייער איבערגעגעבנקייט פאר'ן שבת קודש.

צום ערשטן מאל האט מען געבאקן דאס יאר ערב פסח מצות אינעם נייעם מצה בעקעריי אין שטעטל, גלייך ביי חצות האט מען אנגעהויבן באקן די מצות מיט גרויס שמחה, דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעזאגט הלל.

במשך דעם יום טוב האט דער ראש ישיבה שליט"א איינגעטיילט די תפלות צו דאווענען און געבן שיעורים אין אלע בתי מדרשים אין שטאט.

אין לויף פונעם יום טוב האט דער ראש ישיבה שליט"א אסאך גערעדט און פארגעלערנט און מחזק געווען אידישע קינדער, בעיקר מיט דעם "פה-סח", די אידן זענען געווען אין מצרים, געארבעט שווער און געליטן ביטערע צרות, ביז משה רבינו איז געקומען און זיי אויסגעלערנט צו רעדן און שרייען צום אייבערשטן, ווייל נאר דאס איז די איינציגסטע וועג ארויס פון אלע צרות, און אזוי האט ער זיי ארויסגענומען פון מצרים. און דאס דארפן מיר אויך טון היינט צו טאגס, אין סיי וועלכע צרה א מענטש איז נאר אריינגעפאלן, האט ער נאר איין אדרעס, זיך צו ווענדן צום אייבערשטן, זיך אויסרעדן צו אים דאס גאנצע הארץ, און אזוי וועט ער אויסגעלייזט ווערן פון אלע זיינע צרות און פראבלעמען.

אויך האט מען גערעדט ווי מ'דארף זוכן די גוטע נקודות, דאנקען אסאך דעם אייבערשטן אויף אלע גוטע זאכן וואס ער געבט אונז, און אזוי ווערט די הארץ געעפנט און מ'קען גרינגער רעדן און בעטן דעם אייבערשטן. ווען א איד געוואוינט זיך צו רעדן צום אייבערשטן האט ער א גליקליכע און געשמאקע לעבן ברוחניות ובגשמיות. אין א בריוו שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א, "אודאי דארף מען בעטן און בעטן דעם אייבערשטן, אבער מען דארף אכטונג געבן; אסאך מאל ווען מען איז אזוי אריינגעטון נאר אין בעטן - קען מען אמאל אריינפאלן אין דחיקת השעה, מען קען צומאל האבן אזוי ווי טענות 'איך בעט און בעט און גארנישט, איך באקום נישט קיין ענטפער'; דעריבער איז זייער וויכטיג ווען מען בעט דעם אייבערשטן - אים צו דאנקען און לויבן, זוכן גוטס, זוכן נקודות טובות. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן ח"א ל"ג) אויפ'ן פסוק (קהלת ז, יד): "ביום טובה", ווען עס גייט גוט, דו שפירסט דעם אייבערשטן, "היה בטוב", דאס איז גוט, לעב מיט דעם הרגשה, אבער וויסן זאלסטו "וביום רעה", ווען דו שפירסט גארנישט, אלעס איז פארלאשן, דו זעסט נאר שלעכטס, "ראה" - זוך אויף אלוקית, זוך אין די חושך דעם אייבערשטן, דאנק דעם אייבערשטן. דאס האב איך דיר געמיינט צו זאגן אז דו זאלסט נישט נאר עוסק זיין אין בעטן דעם אייבערשטן, דו דארפסט אויך אין די צייט פון בעטן - דאנקען, אזוי וועסטו זען דאס רחמנות פונעם אייבערשטן, וועסטו נישט אריינפאלן אין עצבות".

אין די טעג פון חול המועד האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן יעדע נאכט א שיעור התחזקות, דער ערשטן טאג חול המועד איז אויך געווען א ספעציעלע שיעור פאר אנשי שלומינו אין ירושלים עיה"ק, מען קען הערן אלע שיעורים אויפ'ן טעלעפאן ליין "קול ברסלב".

א לענגערע אויספירליכע באריכט איבער'ן הערליכן יום טוב אין שטעטל, קען מען ליינען אינעם "קרית ברסלב" צייטונג.

אויך אין אלע בתי מדרשים "היכל הקודש" אין אלע געגנטער, זענען די ארטיגע אידן זיך צוזאמגעקומען און געדאווענט אינאיינעם במשך דעם יום טוב, און זיך געשטארקט מיט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן, וואס זענען מחי' און מחזק יעדן איד אין יעדן מצב.

**חסל סידור פסח כהלכתו!**

***

# צוועלף יאר אפגעצייכנט צו די עפענונג

# פון תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב

מיט צוועלף יאר צוריק, אין די יעצטיגע טעג, גלייך נאך פסח תש"ע, האט דער אייבערשטער געהאלפן אז דער ראש ישיבה מיט נאך א הייפעלע פון אנשי שלומינו זענען אריינגעשפרינגען אינעם ים, און בס"ד געעפענט די טויערן פונעם נייעם חדר "היכל הקודש", וואס האט זיך דאן געעפענט אין וויליאמסבורג מיט בלויז עטליכע קינדער.

עס איז נישט דורך מער פון עטליכע יאר, און פון דעם איז זיך עס ברוך ה' צוואוואקסן צו די פילע פארצווייגטע מוסדות "היכל הקודש", חדרים, מיידל שולעס, כוללים, און נאך, וואס האבן זיך געעפנט זייט דעמאלט אין וויליאמסבורג, קרית יואל, אין ברסלב ליבערטי און אין ירושלים.

די מוסדות היכל הקודש האבן שוין היינט גאר א ווייטע אפקלאנג, אלס א פלאץ וואו די קינדער ווערן נתחנך מיט תורה

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברהם יושע וועבערמאן** הי"ו
צו די אפשערן פון זיין זון **חיים יחזקאל** נ"י

***

החתן **משה ווייזער** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב
עב"ג בת מו"ה **נפתלי זאבעל** הי"ו

***

מו"ה **יואל מאשקאוויטש** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **אהרן אפעלדארפער** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **זעליג ווייס** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב


## א נייע זמן

**מען הויבט יעצט אן א נייעם זמן, איך שפיר אבער נישט אז איך בין אויפגעפרישט, ווי אזוי קען איך אליין ווערן באנייעט צום נייעם זמן?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 2, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**